גליון
# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

שנה א׳ גליון י״ד
פרשת וארא
תשפ״ד

## לוח ההילולא

ג׳ שבט

הגה״ק רבי יוסף הכהן מקראקא זצ״ל

ד׳ שבט

הרה״ק רבי משה לייב סאסוב׳ער זצ״ל
הרה״ק רבי מנחם נחום מבריסק זצ״ל

ה׳ שבט

הגאון רבי ארי׳ רייכהארדט זצ״ל אב״ד קאלטא
הגאון רבי אברהם אהרן יודעלאוויטש זצ״ל

ו׳ שבט

הגה״ק רבי חיים צאנזער זצ״ל מבראד
הרה״ק בעל עצי חיים מסיגוט זצ״ל

ז׳ שבט

הגה״ק רבי בנימין זאב שפירא זצ״ל אב״ד פראג והמדינה

ח׳ שבט

הגאון רבי עוזר הילדסעהיימער זצ״ל מאלטונא

## ג׳ שבט

### הגה״ק רבי יוסף הכהן מקראקא זצ״ל בעל שארית יוסף

געבוירן בערך שנת רע״א צו זיין פאטער הגאון רבי מרדכי גרשון כ״ץ זצ״ל. נאך זייענדיג גאר יונג איז ער שוין געווען אן עילי נפלא און האט געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה. ער האט חתונה געהאט מיט מרת שפרינצא ע״ה טאכטער פון רבי משה בן רבי ערברלוש זצ״ל ראש ומנהיג ק״ק קראקא.

רבי יוסף האט געפירט א גרויסע ישיבה אין קראקא און האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים און האט משמש געווען ברבנות פאר איבער פופציג יאר. ער איז געווען מפורסם אלס גאון עולם, שר התורה, און עמוד ההוראה, פון אלע לענדער האט מען אים אנגעפרעגט שאלות בהלכה, צווישן זיין גדולי דורו ווי דער מהרש״ל און נאך.

עס ווערט געברענגט אין ספר צמח דוד (מהגאון רבי דוד גאנץ מפראג זצ״ל וואס האט געלעבט אין די זעלבע צייט) אז רבי יוסף האט פארמאגט פיר כתרים כתר תורה, כתר כהונה, כתר גדולה און כתר שם טוב העולה על גביהן, ווי אויך האט רבי יוסף פארמאגט תורה וגדולה במקום אחד זייענדיג געבענטשט מיט גרויס עשירות. ער איז נסתלק געווארן בשיבה טובה ביום ג׳ שבט שנת נש״א -זקן ושבע ימים- אלט זייענדיג אכציג יאר איבער לאזענדיג נאך זיך א דור פון קינדער און אייניקלעך צדיקים גאונים מובהקים. ומנו״כ בביה״ח הישן אין קראקא נעבן ציון פון רמ״א. (דער רמ״א איז געווען א שוואגער מיט אים זייענדיג אן איידעם ביי רבי יוסף׳ס פאטער, רבי מרדכי גרשון). מח״ס שו״ת שארית יוסף וספר באורים על המרדכי וספר באורים חושן משפט. (ראה בספר אוצר הגדולים אלופי יעקב מערכת י׳ אות תרצ״ט)

## ד׳ שבט

### הרה״ק רבי משה יהודה לייב ערלביך מסאסוב זצ״ל

געבוירן בשנת תק״ה אין שטאט בראד צו זיין פאטער הגאון רבי יעקב מבראד זצ״ל בן הגאון רבי יוסף יוסקא זצ״ל אב״ד פודמקי מח״ס אהל יוסף און זיין מוטער רבקה ע״ה. זיין רעביצין בזיוו״ר איז ל״ע געווען א חלונית און ער האט איר געגעבן א גט בהיתר מאה רבנים און חתונה געהאט מיט מרת שרה חאסיא בת דינא. רבי משה לייב איז נישט געקומען פון חסידים נאר נאך דעם וואס ער איז געפארן קיין ראוונע, צום גרויסן מגיד הרה״ק רבי ר׳ בער, איז ער נתקרב געווארן צו חסידות. דער מגיד האט אים געשיקט א בריוו צום רבי ר׳ שמעלקא זצ״ל וואס האט דאן געוואוינט אין ריטשוואל, אז ער זאל אריינעמען רבי משה לייב אין ישיבה, אים געבן סמיכה אלס רבי און ער זאל אים אויך געבן א ווייסן קאפטן. נאכן הסתלקות פונעם רבי ר׳ שמעלקא איז ער געפארן צום רבי ר׳ אלימלך זצ״ל, קיין ליזענסק. ווי אויך איז ער געווען א חבר מיט הרה״ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זצ״ל.

ארום שנת תק״ל, האט ער זיך געצויגן קיין אפטא, וועלבע איז געווען פאררעכנט אלס איינע פון די חשוב׳סטע קהילות אין פוילן. דארט האט ער באפעסטיגט דעם הייליגן דרך פון חסידות אין פוילן. רבי משה לייב האט געהאט א גרויסע השפעה אין

אפטא, ער האט דארט געעפנט דעם ערשטן חסידיש'ן בית המדרש און א ישיבה וואו ער האט געגעבן עמקות'דיגע שיעורים. אויך האט ער גע'שמ'ט מיט זיינע מורא'דיגע מדריגות אין עבודת ה' ויראה נוראה פון השי"ת, מיט וועלכע ער האט באוויזן מקרב צו זיין אסאך פון די שפעטער'דיגע באוויסטע צדיקים צום אור החסידות. גאר בארימט איז רבי משה לייב געוועזן מיט'ן טוהן פאר אידן וואס זענען געזעצן אין תפיסה. פילצאליגע סיפורים ווערן נאכדערציילט וועגן מסירות נפש וואס ער האט געהאט אין די ספעציעלע מצוה פון פדיון שבויים.

אין די מיטעלע תק"מ יארן האט זיך רבי משה לייב, צוליב א מחלוקה אין אפטא, באזעצט אין די שטאט סאסוב וואס האט זיך געפינען אין טארנאפאלער קרייז אין פוילן (היינט אין אוקריינע), און ער איז נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט סאסוב. היות אבער רבי משה לייב פלעגט כסדר אוועק פארן פון שטאט לטובת פדיון שביים, און אויך כדי צו מל'ן אידישע קינדער, זייענדיג א גרויסע מוהל, און ער האט נישט געקענט טראגן אויף זיינע פלייצעס די עול פון הוראה, האט ער דעריבער איבערגעגעבן די רבנות פאסטן פאר זיינס א קרוב משפחה הגאון רבי נחמי' שליט זצ"ל. (אדותיו ראה גליון יומא בהילולא גליון ו') ער איז נסתלק געווארן ביום ד' שבט, שנת תקס"ז, ומנו"כ אין שטאט סאסוב. זיינע ד"ת זענען געדריקט אין ספר חידוש מהרמ"ל. (ראה שנות דור ודור)

## הרה"ק רבי מנחם נחום טווערסקי זצ"ל מבריסק

געבוירן כ"ג ניסן שנת תקפ"ח, אלס דער עלטסטער זוהן פון זיין פאטער הרה"ק רבי אברהם זצ"ל דער טוריסקער מגיד און צו זיין מוטער מרת ריקל ע"ה בת הרה"ק רבי יעקב ליב מקאלווע זצ"ל בן הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זצ"ל. בשנת תר"ז האט ער חתונה געהאט מיט מרת חיה ע"ה טאכטער פון זיין פעטער הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זצ"ל. נאך די חתונה איז ער געזעצן פאר א לאנגע תקופה פון נאנט צו דרייסיג יאר, אויף קעסט ביי זיין שווער אין טאלנא. ערשט אין יאר תרל"ה האט ער זיך צוריק באזעצט אין טריסק ביי זיין טאטע'ן. יענע יארן האט ער, אויפן באפעל פון זיין טאטע, אנגעהויבן צו פירן אליין רבי'סטווע. אין יאר תרמ"ה איז ארויסגעגעבן געווארן א גזירה דורך די רוסישע רעגירונג אויף אים און אויף זיין ברידער, הרה"ק רבי מאטעלע קאזמירער זצ"ל, אז זיי מעגן נישט וואוינען אין קיין שום שטאט וואס באלאנגט צו די גובעריניע פון זוטאמיר, אויף שבועות פון יענעם יאר האט ער זיך באזעצט אין סלאוויטא. שפעטער בשנת האט ער זיך אריבערגעצויגן צו די שטאט בריסק אין ליטא, דארט איז ער געוועזן בידידות מיטן בריסק'ער רב הגאון רבי יאשע בער סאלאווייטשיק זצ"ל בעמח"ס בית הלוי. ער איז נסתלק געווארן על פני אביו ביום ד' שבט, שנת תרמ"ז, ומנו"כ אין בריסק.

# ה' שבט

## הגאון רבי ארי' רייכהארדט זצ"ל אב"ד קאלטא

געבוירן צו זיין פאטער רבי משה חיים ז"ל און זיין מוטער מרת לאנע ע"ה. בשנת תקצ"ב איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט קאלטא [-קאטה]. ער איז נסתלק געווארן ביום ה' שבט, שנת תר"ז, אלט זייענדיג בלויז פינף און פערציג יאר. (ראה בספר תולדותיהם של צדיקים)

## הגאון רבי אברהם אהרן יודעלאוויטש זצ"ל

געבוירן שנת תר"י אין שטאט נאוואהארדעק -ליטא, צו זיין פאטער הג"מ רבי בנימין (בונם) בינוש זצ"ל און זיין מוטער מרת סאשא ע"ה. ביי די עלף יאר איז ער געגאנגען לערנען ביי זיין פעטער (זיין מאמעס ברידער) הגאון רבי מאיר מארים זצ"ל אב"ד קאברין. ווען ער איז אלט געווארן זיבעצן יאר איז ער געפארן לערנען אין די בארימטע וואלאזשנ'ע ישיבה ביי הגאון דער נצי"ב זצ"ל. דארט האט שוין זיין נאמען גע'שמ'ט אלס איינע פון די מצויני הישיבה. אויך האט ער דארט אנגעקניפט א שטארקע קשר מיט הגאון הגדול רבי חיים בערלין זצ"ל בן הגאון הנצי"ב זצ"ל. ווען ער איז אלט געווען אכצן יאר האט ער חתונה געהאט און זיך באזעצט אין שטאט וואלפא, וואו ער האט עוסק געווען בתורה. ער איז נסמך געווארן להוראה דורך הגאון רבי יום טוב ליפא היילפרין זצ"ל מח"ס עונג יום טוב. בשנת תרל"ד איז ער געווארן רב אין שטאט סעליב, דערנאך האט ער משמש געווען ברבנות אין די שטעט קוזניצא, קאנסטאנטין, טוראב און קאפוליא. בשנת תרנ"ח איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט מאנטשעסטער - ענגלאנד וואו ער האט געוואוינט פאר צען יאר. ער האט דארט אסאך פרובירט צו פארמינערן די חילול שבת, צווישן אנדערע האט ער מתקן געווען אן עירוב אין שטאט (ער האט אויף די נוסע פונעם עירוב מחבר געווען א ספר כרם אב).

שפעטער איז ער געפארן אויף אמעריקא. דארט האט ער קודם משמש געווען ברבנות פאר א קורצע תקופה אין שטאט בעיאן - ניו דשערסי, דערנאך איז ער געווען אין ניו יארק אין געדינט אלס ר"מ אין ישיבת רבינו יצחק אלחנן. שפעטער האט ער משמש געווען ברבנות אין די שטאט בוסטאן פאר פינף יאר. צום לעצט האט ער משמש געווען אלס רב אין בית הכנסת עדת ישורון אנשי לוביץ (עלדריט"ש סטרי"ט שוה"ל) אין איסט סייד מאנהעטן ניו יארק. דארט האט ער געדינט אלס רב ביז זיין

פטירה, פאר די קומענדיגע צוועלף יאר. ער איז נסתלק געווארן ביום א' פרשת בא, ד' שבט, שנת תר"ץ. מח"ס שו"ת בית אב ועוד. (ראה קובץ ישורון ח"ב)

## ו' שבט

### הגה"ק רבי חיים צאנזער זצ"ל מבראד

געבוירן אין שטאט צאנז צו זיין פאטער הגה"ק רבי מנחם נחום ע"ה און זיין מוטער בת הגה"ק רבי שמואל שמעלקא הלוי איש הורוויץ זצ"ל פון טארנא. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגה"ק רבי יוסף היילפרין זצ"ל, פון שטאט בראד, און האט זיך באזעצט אין שטאט בראד. דארט איז ער אריין לערנען אין די באקאנטע "בראדער קלויז". אינעם קלויז איז ער נתעלה געווארן און איז געווען נערץ ונקדש ביי יעדן איינעם, ער איז געווען די ראש המדברים און פון די גרויסע משפיע'ם. טראץ וואס ער האט נישט געהאט קיין שום התמנות אדער רבנות פאסטן ווערט ער אבער פאררעכנט אלס איינע פון די גדולי וגאוני הדור.

רבי חיים איז אויך געשטאנען בראש פון א חבריא קדישא פון חכמי בראד וועלכע האבן עוסק געווען בחכמת הנסתר און לימוד הקבלה. די חבורה האבן געדאווענט אפגעזונדערט פון די קלויז, אין א ספעציעלע "שטיבל" ביי די זייט פון קלויז. כדי זיך צו קענען מצרף זיין אין די מנין האט מען געדארפט זיין דרייסיג יאר און זיין בקי בנגלות התורה גמרה ופוסקים. בשבתות וימים טובים פלעגן זיי גיין מלבוש בבגדי לבן כדרך המקובלים. רבי חיים האט אויך עוסק געווען ברזי התורה און סודות הקבלה אינאיינעם מיט ידידו הגה"ק רבי יחזקאל לאנדא זצ"ל מפראג בעל הנודע ביהודה.

הגם רבי חיים האט זיך מתנגד געווען קעגן די דרך החסידות האבן אבער גדולי החסידות זיך אויסגעדריקט אויף אים געוואלדיגע מדריגות. דער הייליגער בעל שם טוב זצ"ל האט געזאגט אז רבי חיים איז נשמת רבי יוחנן בן זכאי זצ"ל און אז זיין ביהמ"ד איז מכוון אנטקעגן די שערי תפילה בשמי מרום, נאך האט זיך דער בעש"ט אויסגעדריקט אז ווען רבי חיים קלאפט זיך על חטא זאגט ער ליגנט, ווייל ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט. רבי חיים זוהן, רבי צבי, איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק בעל התולדות יעקב יוסף זצ"ל, און דער תולדות ברענגט אראפ אין זיינע ספרים פון זיין מחותן רבי חיים. (ראה כתונת פסים פרשת תזריע וספר תולדי"י פרשת פרשת מקץ ועוד)

רבי חיים האט אויך אסאך עוסק געווען מיט צדקה וחסד ארויסהעלפנדיג אסאך עניים ואביונים. ביז סוף ימיו האט ער געוואוינט און מרביץ תורה געווען אין שטאט בראד. ער איז נסתלק געווארן ביום ו' שבט, שנת תקמ"ג, ומנו"כ בראד. רבי חיים האט איבערגעלאזט נאך זיך אסאך כתבים חידושי תורה ותשובות בהלכה. מען האט אבער נאר געדריקט פון אים הגהות על שו"ע או"ח וספר נאדר בקודש על פרקי אבות, וואס מען האט געדריקט בשנת תבר"ך מיט די הסכמות פון הגאונים הק' בעל דברי חיים מצאנז, רבי יוסף שאול מלבוב בעל השואל ומשיב און רבי יחיאל מיכל אבד"ק בראדי זיע"א. (ראה בקונטרס מטל השמים בתחלת ספרו נאדר בקודש)

### הרה"ק רבי חיים הערש [-צבי] טייטלבוים זצ"ל אבדק"ק סיגעט ובעל עצי חיים

געבוירן אין שטאט טעטש, בשנת תמ"ר יפרח - מיט די ברכה פון הרה"ק מצאנז זצ"ל- אלס עלטסטער זוהן ביי זיין פאטער הרה"ק רבי חנני' יום טוב זצ"ל אבדק"ק סיגעט בעל קדושת יום טוב און צו זיין מוטער מרת חנה ע"ה בת הרה"ק רבי הרה"ק רבי יואל אשכנזי זצ"ל אב"ד טאלטשווא. ער איז נתחנך געווארן על ברכי אביו הק' מיט א געוואלדיגע קדושה און טהרה. נאך אלס קינד איז דער עצי חיים געווארן א חתן מיט די טאכטער פון זיין שוועסטער קינד הרה"ק רבי משה'לע בארדיובער זצ"ל (בן הרה"ק רבי ברוכ'ל גארליצער זצ"ל חתן הרה"ק בעל ייטב לב זצ"ל), די כלה איז אבער ל"ע אוועק יונגערהייט פאר די חתונה. שפעטער, ביום ט"ו סיון שנת תרנ"ו, האט ער חתונה געהאט מיט מרת ברכה סימא ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל הלברשטאם זצ"ל מראצפערד זצ"ל. נאך די חתונה איז ער געבליבן אויף א קורצע צייט -זעקס חדשים- קעסט ביי זיין שווער וואס האט דאן געוואוינט אין טארנא, דערנאך איז ער צוריק קיין סיגעט במחיצות פון זיין טאטע'ן.

ערב שבת פרשת יתרו, שנת תרס"ד, איז געפראוועט געווארן די חתונה פון מרן רביה"ק מסאטמאר זצ"ל, דער קדשת יום טוב איז שוין דאן זייער נישט געזונט געווען און גלייך נאך די חופה האט ער זיך אנגערופן צו זיין זוהן דער עצי חיים "חיים הערש טוה אן דעם טלית און גיי אין בית המדרש דאווענען מנחה די ביסט רב". צוויי וואכן שפעטער, ביום כ"ט שבט, איז דער קדושת יום טוב נסתלק געווארן און מען האט עפ"י צוואתו אויפגענומען דער עצי חיים אלס ממלא מקומו מיט'ן רבנות אין סיגעט. טראץ זיין יונגן עלטער, פון בלויז פיר און צוואנציג יאר, האט דער עצי חיים פארנומען א פאזיציע ווי איינער פון די גדולי ישראל פון יענע צייט און געווארן מפורסם מיט זיין גאונות, קדושה און צדקות, זייענדיג דער ברא כרעא דאבוה וואס איז ראוי אנצופירן מיטן רבנות און אדמורו'ת און טויזנטער אידן פון גאנץ אונגארן און רומעניע האבן געשטראמט לחסות בצל כנפיו. סיגעט'ע חסידים האבן געזעהן אינעם עצי חיים נישט נאר די יורש פון זיין

פאטער אלס רב און מנהיג, נאר אויך אן ענדלונג אינעם אויסזעה און אין נאטורן. ווי אויך איז דער סדר ההנהגה געווען די זעלבע ווי ביים קדושת יום טוב, און פונקט ווי ביים טאטע'ן, וועלכער איז אלץ געווען אין א ערנסטע שטימונג און א פחד האט געהערשט אייביג במחיצתו, האט אויך דער עצי חיים כמעט נישט גערעדט, נאר ממעט געווען בדיבור און איינגעהאלטן זיין ברען. [דאקעגן זיין ברודער, מרן רביה"ק מסאטמאר זצ"ל, האט שטארק געענדלט אין זיין זיידן דער ייטב לב זצ"ל, סיי מיט זיינע פלאמפייערדיגע נאטורן און סיי מיטן זאגן ווערטלעך וכדו', אפילו מיט די צורה איז ער געווען גאר ענדליך צום ייטב לב].

אינאיינעם מיט די זקני הרבנים איז דער עצי חיים געשטאנען אויף די וואך ווי א חומה בצורה קעגן יעדע פריצה, ספעציעל האט ער געפירט א מלחמת אש קודש קעגן די מהרסי הדת און געקעמפט קעגן דעם רעיון הציונות וואס האט זיך אנגעהויבן שטארק פארשפרייטן בימיו. במשך די יארן האט ער באוויזן מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה, סיי אין סיגעט, און אויך אין די גאנצע מדינה, וואו טויזנטער אידן זענען געגאנגען לאורו און זיין נאמען איז געווארן סינאנים מיט פקיחות, התמדת התורה און קדושה וטהרה. דער עצי חיים איז אויך געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגן און אויסטערלישן כח הזכרון, בבחינת בור סיד שאינו מאבד טפה.

שבת פרשת וארא, שנת תרפ"ו, האט דער עצי חיים געוויילט אין שטאט קליינווארדיין. זייענדיג דארט איז ער פלוצלינג קראנק געווארן און עטליכע טעג שפעטער דאנערשטאג פרשת בא, ו' שבט, אלט זייענדיג בלויז זעקס און פערציג יאר איז ער נסתלק געווארן. ומנו"כ אין שטאט סיגעט נעבן ציון פון אביו הק' זצ"ל. דער עצי חיים האט געהאט אסאך קינדער אבער ער האט ליידער מיטגעמאכט צער גידול בנים רח"ל, עטליכע פון זיינע קינדער זענען אים נאך אוועק בחייו (בנו האדמו"ר הבר"מ ז"ל פלעגט דערציילן אז אלס קינד איז ער יעדעס יאר געזעצן שבעה ל"ע). מח"ס עצי חיים עה"ת ומעודים ושו"ת וסיגות הש"ס. (ראה שנות דור ודור)

## ז' שבט

### הגה"ק רבי בנימין זאב שפירא זצ"ל
### ראב"ד ק"ק פראג ורב המדינה

געבוירן בשנת ת"א אין שטאט פראג, צו זיין פאטער הגאון רבי אהרן שמואל זצ"ל אב"ד פראג. נאכן הסתלקות פון אביו, בשנת ת"מ, איז ער געווארן ראב"ד במקום רב אין פראג, וואס ביז שנת תס"ב, וואס דעמאלטס איז הגאון רבי דוד אפנהיים זצ"ל געווארן רב אין פראג איז ער געווארן דער רב המדינה אין בעהמין. אויף זיין מציבה איז נחרת "בנימין הצדיק אושפיזכן דאורייתא, נשוא פנים וזקן, זה שקנה חכמה וכו', ידיד ה' גאון ישראל וכו' וישפוט את ישראל כ' שנים במקום רב פה עירה וכו' נאמן רוח בנימין ממונה על קופה דארעא קדישא מהוללה, ותרף משאת בנימין בעבודת הקדש גפ"ת משאלות ותשובות מכל בני הגולה". ער איז נסתלק געווארן ביום ז' שבט, שנת תע"ה, ומנו"כ בביה"ח החדש בפראג.

## ח' שבט

### הגאון רבי עוזר הילדעסהיימער זצ"ל מחכמי אלטונא

געבוירן צו זייז פאטער הגאון רבי חיים זצ"ל (נכד הגאון רבי אברהם חיים שור זצ"ל בעל תורת חיים) און צו זיין מוטער בת הגאון רבי יוסף מאיר פריעדבורג זצ"ל אב"ד בהאנובער. רבי עוזר איז געווען פון די לומדים אין ביהמ"ד אין אלטונא. ער איז געווען א ידיד מיטן יעב"ץ און ער איז געשטאנען לצידו פונעם יעב"ץ ביי זיין מחולקה מיטן רבי ר' יהנתן אייבשיץ זצ"ל (ראה בספר תורת הקנאות דף 116 ובספר שאילות היעב"ץ סימן כ"ה) ער איז נסתלק געווארן ביום ח' שבט שנת תקי"ז ומנו"כ באלטונא. (ראה חכמי אה"ו דף 29)

זכות פרנס הגליון
נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו
לע"נ הגה"ק רבינו משלום זוסא (זושע)
בן רבי אליעזר ליפמאן זצ"ל מהניפאולי
נלב"ע ביום ב' בשבט שנת תק"ס לפ"ק

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com